# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

368 | פרשת יתרו | תשפ"א

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### יתרו האט געקוקט מיט 'אפענע אויגן'

**"וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן חֹתֵן מֹשֶׁה אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ כִּי הוֹצִיא ה' אֶת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם"** (יח א)

**רבי משה שמואל שפירא** ראש ישיבת באר יעקב זאגט:

ביי קריעת ים סוף און ביי מתן תורה, זענען אלע פעלקער געוואר געווארן אז השי"ת קעניגט אויף דער וועלט; בשעת מתן תורה טרעפן מיר אז די גאנצע באשעפעניש איז שטיין געבליבן: "צפור לא צוח, עוף לא פרח, שור לא געה... הבריות לא דברו, נאר דער וועלט איז געשטאנען שטיל און געשוויגן" (שמו"ר כט ט), און ביי קריעת ים סוף טרעפן מיר: "אלע וואסערן אויף דער וועלט זענען געשפאלן געווארן" (מכילתא בשלח מסכתא דויהי ד). אבער, אין די צייט וואס אלע פעלקער זענען באגייסטערט געווארן פון די וואונדערליכע 'נאטורליכע ערשיינונגען' וואס האבן פאסירט אקעגן זייערע אויגן, האבן זיי נישט צוגעלייגט קאפ און מח פארשטיין וואס ליגט באהאלטן אונטער די זאכן, נאר יתרו האט זוכה געווען צו עפענען זיינע אויגן און הארץ, קוקן מיט א ריכטיגע בליק אויף וואס עס האט פאסירט און פון דעם האבן די ריכטיגע מסקנא.

ווענן דעם ווען מיר בעטן ביי שמונה עשרה אויף די גאולה זאגן מיר דעם לשון: **"ותחזינה עינינו בשובך** לציון ברחמים". ווייל ווען עס וועט קומען די צייט פון די גאולה וועט אונזער בליק זיין קאנצענטרירט אין די וואונדערליכע ערשיינונגען וואס וועלן זיין פריער, און מיר וועלן נישט קענען צולייגן הארץ צו די גאולה אליין וואס וועט לייכטן ווי די מארגן-שטערן וואס קומט ארויס נאך א נעפל און פינסטערניש. דעריבער בעטן מיר: "ותחזינה עינינו" - אונזערע אויגן זאלן זיין אפן צו קענען זען און פארשטיין די 'גילוי כבוד ה" וואס וועט זיין "בשובך לציון ברחמים".

צו אזעלעכע 'אפענע אויגן' איז מען זוכה נאר דורך לערנען תורה, וועגן דעם בעטן מיר: "והאר עינינו בתורתך", מיר זאלן זוכה זיין צו 'אפענע אויגן' דורך לערנען תורה און מיר וועלן קוקן אויף אלע פאסירונגען מיט א תורה'דיגע בליק.

'זהב משבא' ויחי

### 'אמן' - נאר נאך 'שתרגילנו בתורתך'

**"וְאֵת שְׁנֵי בָנֶיהָ אֲשֶׁר שֵׁם הָאֶחָד גֵּרְשֹׁם כִּי אָמַר גֵּר הָיִיתִי בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה; וְשֵׁם הָאֶחָד אֱלִיעֶזֶר כִּי אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה"** (יח ג-ד)

לכאורה, וואלט משה געדארפט א נאמען געבן זיין ערשטן זון 'אליעזר', ווייל די רעטעניונג פון חרב פרעה איז געווען אין מצרים, בעפאר ער איז אנטלאפן פון דארט?

נאר, **רבי מרדכי בנעט** ערקלערט די סיבה פארוואס מ'ענטפערט נישט אמן נאך די ברכה 'המעביר שינה', נאר נאכן ענדיגן די בקשה פון 'יהי רצון', ווייל די חכמים זאגן (סנהדרין עא ב): "שינה לרשעים - הנאה להן [זיי זינדיגן נישט] והנאה לעולם [זיי קענען נישט שלעכטס טון פאר מענטשן], ולצדיקים - רע להן [זיי זענען בטל פון די תורה] ורע לעולם [זייער תורה באשיצט נישט אויף זייער דור]".

ווען א מענטש שטייט אויף פון זיין שלאף און דאנקט דעם אייבערשטן אויף דעם וואס ער נעמט אוועק די שלאף פון זיינע אויגן, ווייסן מיר נישט צי ער איז א צדיק וואס דאס אויפשטיין פון שלאף איז א גוטע זאך וואס איז ראוי מ'זאל אויף דעם זאגן א ברכה. נאר דערנאך וואס ער האט געבעטן: "יהי רצון... שתרגילנו בתורתך ודבקנו במצותיך ואל תביאנו לא לידי חטא..." ווייסן מיר אז ער איז א צדיק וואס וויל זיך מדבק זיין אין תורה און מצוות, וועגן דעם דאס אויפשטיין פון שלאף איז א גוטע זאך וואס אויף דעם ראוי צו זאגן א ברכה, און אויך מיר קענען אויף דעם ענטפערן 'אמן'.

אויך דא, נאר דערנאך וואס משה האט זיך איבערגעצייגט אז ער האט זוכה געווען און איז געבליבן ווי א "גֵּר" זייענדיג "בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה", און האט זיך נישט אפגעלערנט פון זייערע שלעכטע מעשים, האט ער געקענט א נאמען געבן 'אליעזר' און מיט דעם לויבן "כִּי אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה". ווייל אויב חלילה וואלט ער נישט געבליבן געטריי צו די ערליכע וועג, וואלט בעסער געווען אויב ער ווערט נישט געראטעוועט פון פרעה'ס שווערד.

'גבורת שמשון' [פון ר"ש פישער]

### פארוואס זאגן נישט די כהנים 'שעשאני כהן'

**"וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ"** (יט ו)

די חכמים (מכילתא דר"י מסכתא דבחדש ב) לערנען ארויס פון דער פסוק אז "ראויין היו כל ישראל לאכל בקדשים עד שלא עשו העגל, משעשו העגל ניטלו מהם וניתנו לכהנים". מיט דעם האט דער **'אמרי אמת'** פארענטפערט פארוואס האט מען נישט מתקן געווען די כהנים זאלן זאגן יעדן אינדערפריה א ברכה "שעשאני כהן" אויף די באזונדערע מצוות וואס זיי האבן, אזוי ווי מ'האט מתקן געווען מיר אלע זאלן לויבן אויף די תרי"ג מצוות ביי די ברכה: "שלא עשני גוי"? ווייל די כהנים האבן זוכה געווען צו זייער באזונדערע מעלה נאר צוליב וואס די אידן וואס האבן פארלוירן די מעלה נאכן זינדיגן ביים עגל, דעריבער זאלן די כהנים נישט לויבן אויף דעם, זיי זאלן נישט זיין אין די כלל פון "מתכבד בקלון חברו".

אויף נאך א וועג פארענטפערט דער 'אמרי אמת' לויט וואס עס שטייט דא אין 'בעל הטורים' אז לעתיד לבוא וועט די כהונה צוריק קומען צו אלע אידן. וועגן דעם, ווייל די מעלה פון די כהנים וועט פון זיי אוועקגענומען ווערן לעתיד לבוא, האט מען נישט מתקן געווען אויף דעם א ברכה.

'ליקוטי יהודה'

### אנהייבן די תורה מיט א רוף פון אמונה

**"אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים"** (כ ב)

זאגט דער **'נודע ביהודה'**:

אזוי ווי די תורה שבכתב - די 'עשרת הדברות' - האט הקב"ה אנגעהויבן מיט די מצוה פון "אנכי ה' אלקיך" וואס דאס איז אונזער אמונה אין ה' און אין זיין קעניגרייך, וואס צוליב דעם דארפן מיר מקבל זיין אויף אונז די עול המצוות, אזוי אויך די תורה שבעל פה - די ששה סדרי משנה - האט רבינו הקדוש אנגעהויבן מיט די משנה: "מאימתי קורין את שמע בערבית" וואס רעדט פון די מצוה פון קריאת שמע וואו מיר רופן אויס "ה' אלוקינו ה' אחד".

'צל"ח' פתיחה למסכת ברכות

## אָז מִסִּינַי נִצְטַווּ - ביי די מצוה פון ענטפערן אמן

**אז מסיני נצטוו** - ביי די באפעל: "אנכי ה' אלקיך" זענען מיר באפוילן געווארן גלייבן אין ה' מיט א גענצליכע אמונה ('ספר החינוך' כה), און איז א מצוה תמידית וואס דער מענטש איז מחוייב מקיים זיין אן א אויפהער יעדע מינוט פון זיין לעבן (שם בהקדמה).

**טייערע אידן!**

**די מצוה פון ענטפערן אמן נאך די ברכות און תפילות האט מען מתקן געווען כדי מיר זאלן קענען מקיים זיין די מצוה, אזוי ווי דער 'רבנו בחיי'** (שמות יד א) **זאגט: "ווייל די אמונה איז דער יסוד פון כל התורה כולה, האבן רבותינו זכרונם לברכה מתקן געווען ביים דאווענען און ביי די ברכות צו ענטפערן אמן, וואס קומט פון לשון אמונה און הודאה, ווען ער נעמט אן די ווערטער פון דער וואס זאגט די ברכה און איז מודה אין דעם".**



**"דער עיקר האמונה איז אנגעהאנגען אין ענטפערן אמן"** ('מגלה עמוקות' פר' האזינו)

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## 'יהי רצון' נאך די ברכה 'המעביר שינה' (ג)

### 'נסיון' און 'בזיון' וואס ברענגען 'לידי חטא'

דוד המלך זאגט אין תהלים (יא ה): "ה' צַדִּיק יִבְחָן", פון דעם לערנען מיר, אז ווי העכער דער מענטש דערגרייכט אין זיינע מדריגות, האט ער גרעסערע און שווערערע נסיונות. דעריבער נאך וואס מיר האבן געבעטן מיר זאלן שטייגן און דערגרייכן די דרגה וואו מיר ווען נישט געשטרויכלט ווערן מיט חטא, עבירה ועון, איז פאסיג מיר זאלן בעטן פון הקב"ה ער זאל אונז נישט ברענגען צו א נסיון פון א עבירה אונז אויספריוון צי מיר זענען טאקע אויף די הויכע מדריגה. און אויך אויב ער וועט אונז צוברענגען א נסיון, זאל ער אונז העלפן מיר זאלן עס קענען ביישטיין, כדי מיר זאלן נישט צוקומען "לידי בזיון" ('סידור השל"ה').

רבי יהוסף זכריה שטערן וואס ווערט אנגערופן 'הגאון משאוולי', ברענגט אין נאמען פון זיין עלטער-שווער רבי דוב בער יפה א תלמיד פון הגר"ח מוואלאזשין, וואס האט ערקלערט, אז ביי די בקשה "לא לידי נסיון" ערקלערן מיר די פריערדיגע בקשה: "ואל תביאנו לידי חטא...". עס איז דאך זיכער אז הקב"ה ברענגט נישט צו דעם מענטש זאל זינדיגן, נאר אונזער כוונה איז אויף א זינד וואס קומט דורך א 'נסיון' אדער 'בזיון'; "לא לידי נסיון" השי"ת זאל אונז נישט אויספריוון און דורך דעם זאלן מיר חלילה צוקומען צו א זינד, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (סנהדרין קז א) אז דורך א נסיון קען אפילו דער גרעסטער מענטש זינדיגן. "ולא לידי בזיון", אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (יומא פו ב וברש"י שם) אז אמאל ברענגט צו הקב"ה אז דער מענטש זאל זינדיגן כדי אים פארשעמען, מ'זאל זען זיין בזיון און זיך נישט אפלערנען פון זיינע מעשים ('זכר יהוסף' בהשמטות, ברכות ס ב).

### וויאזוי קענען מיר בעטן מיר זאלן נישט צוקומען צו א נסיון

אסאך וואונדערן זיך, וויאזוי קענען מיר בעטן מיר זאלן נישט צוקומען צו נסיון, דער הויפט ציל פון באשאפן דער מענטש אויף דער וועלט, איז דאך ער זאל ביישטיין די נסיונות אזוי ווי עס שטייט אין ספר 'מסילת ישרים' (פ"א): "כי עיקר מציאות האדם בעולם הזה הוא רק לקיים מצוות ולעבוד ולעמוד בנסיון"?

עס זענען דא וואס ערקלערן אז די בקשה גייט צוזאמען מיט די קומענדיגע בקשה: "ואל תביאנו לידי נסיון... ואל תשלט בנו יצר הרע", ד.מ. אמאל שיקט הקב"ה דעם שטן ער זאל אויספריוון דעם מענטש, אזוי ווי מיר טרעפן ביי די אבות הקדושים, און אויך ביי דוד המלך און איוב. אזא נסיון איז זייער גרויס, און אויף אזעלעכע נסיונות בעטן מיר מיר זאלן נישט צוקומען. דאקעגן, דער 'מסילת ישרים' רעדט פון די געווענליכע שוועריקייטן און נסיונות וואס מיר באגעגענען זיך מיט זיי יעדן טאג בשעת'ן מקיים זיין די תורה און מצוות, וואס אונזער אויפגאבע איז מכניע זיין דעם יצר און זיך שטארקן אקעגן אים ('תפילת דוד' [לאדר"ת] ברכות השחר; 'שמעה תפילתי' עמ' מו).

אויף נאך א וועג ערקלערט מען: עס זענען דא אזעלעכע וואס מ'העלפט זיי נישט פון הימל ווען זיי דארפן ביישטיין א נסיון, אזוי ווי מיר טרעפן אז די חכמים זאגן (שבת קד א) "בא ליטמא - פותחין לו". דעריבער בעטן מיר, מ'זאל אונז נישט פון הימל צוברענגען צו אזא נסיון, נאר ביי יעדע נסיון וואס מיר וועלן האבן זאל מען אונז העלפן פון הימל צו קענען ביישטיין ('לקט שיחות מוסר' [לגרי"א שער] ח"ב עמ' שעז).

הגרש"ז אויערבאך האט ערקלערט אז די בקשה איז בייהאפטן צו די בקשה פון נאכדעם: "ואל תביאנו לא לידי נסיון ולא לידי בזיון". א נסיון קען גרינגערהייט צוברענגען דעם מענטש 'לידי בזיון'; סיי אויב חלילה ער האט נישט געקענט ביישטיין, און אויך אויב יא, אסאך מאל איז עס פארבינדן מיט א פארשעמונג, אזוי ווי די מעשה וואס ווערט געברענגט אין גמרא (קידושין פא א)

אויף רבי עמרם חסידא וואס כדי גראטעוועט ווערן פון א נסיון האט ער געדארפט אויסרופן: "נורא בי עמרם [א פייער געפונט זיך ביי עמרם אין הויז]" און דורך דעם איז ער פארשעמט געווארן. וועגן דעם בעטן מיר, השי"ת זאל אונז נישט ברענגען א נסיון וואס אין ענדע וועלן מיר צוקומען צו א בזיון דורך איינס פון די אויבנדערמאנטע וועגן (סידור 'עיון תפילה' [פון רי"מ שטערן] עמ' קנה).

### די ערקלערונג פון די בקשה 'ולא לידי בזיון'

ווי געזאגט, עס זענען דא וואס ערקלערן אז די בקשה "ולא לידי בזיון" איז באהאפטן צו די פריערדיגע בקשה. דאקעגן דער רוקח טייטש אויס אז דאס איז א נייע בקשה, מיר זאלן נישט דארפן צוקומען צו מענטשן און דורך דעם צו א בזיון, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות ו ב): "כיון שנצטרך אדם לבריות, פניו משתנות..." (פירושי סדר התפילה לרוקח ח"א עמ' יד).

אין ספר 'נחלת אברהם' (פון רא"א הערצל, לך לך) טייטש ער, עס איז ידוע אז רייכטום און ארימקייט זענען צוויי ערליי נסיונות [ווי דער לשון פון מסילת ישרים (פ"א) איז: "אלע געשעהענישן אויף דער וועלט סיי גוטע און סיי שלעכטע זענען נסיונות פארן מענטש, ארימקייט פון איין זייט און עשירות פון די צווייטע זייט"], וועגן דעם בעטן מיר: השי"ת זאל אונז נישט ברענגען צום 'נסיון' פון עשירות, און אויך נישט צו א 'בזיון' - דאס איז דער נסיון העוני וואס איז פארבינדן מיט בזיונות.

אויף די שוועריקייט פון נסיון העוני קענען מיר זיך לערנען פון די מורא'דיגע ווערטער וואס האדמו"ר רבי צבי אלימלך פון דינוב האט עדות געזאגט: "איך זאג עדות אז איך האב געזען מיט מיינע אויגן גרויסע צדיקים וואס איך האב געציטערט זיך דערנענטערן צו זיי, און ווען זיי האבן געדארפט ביישטיין א נסיון און געוואלט דערגרייכן און באקומען געלט, איבערהויפט בעטן מיט די מויל, זענען זיי אינגאנצן אויסגעליידיגט געווארן און פארלוירן זייער מעלה" ('מגיד תעלומה' ברכות לב א).

### 'כל הגדול מחברו יצרו גדול הימנו'

חז"ל זאגן (סוכה נב א): "כל הגדול מחברו יצרו גדול הימנו". אויב אזוי, נאך וואס מיר האבן געבעטן פון הקב"ה ער זאל אונז העלפן אנקומען צו הויכע און גרויסע מעלות, דארפן מיר אסאך מער כח צו קענען זיך מתגבר זיין אויפן יצר, און וועגן דעם לייגן מיר צו און מיר בעטן: "ואל תשלט בנו יצר הרע" (סידור השל"ה).

די בקשה "ואל תשלט בנו יצר הרע" ווערט נישט דערמאנט אין גמרא, נאר עס ווערט געברענגט אין רי"ף (מד א מדה"ר). עס זענען דא וואס שרייבן אז מ'זאל נישט בעטן מיט די לשון, ווייל עס איז דאך קלאר אז הקב"ה מאכט נישט געוועלטיגן דעם יצר הרע אויפן מענטש, און מיר טרעפן שוין אז דוד המלך איז געשטראפט געווארן אויפן דערמאנען א ענליכן לשון (ברכות סב ב), נאר זיי זענען גורס: "ואל ישלוט בנו יצר הרע" ('תפלת דוד' שם).

עס זענען דא וואס ערקלערן דעם נוסח 'אל תשלט', ווי א המשך צו די בקשה וואס מיט דעם הייבט מען אן: "שתרגילנו בתורתך", ווייל די חכמים זאגן (קידושין ל ב): "בראתי יצר הרע - ובראתי לו תורה תבלין; אם אתם עוסקים בתורה - אין אתם נמסרים בידו... ואם אין אתם עוסקין בתורה - אתם נמסרים בידו". און דאס זאגן מיר, אויב דו וועסט אננעמען אונזער בקשה און דו וועסט אונז איינגעוואוינען אין דיין תורה, וועסטו מיט דעם צוברענגען אז דער יצר הרע וועט נישט געוועלטיגן אויף אונז ('רנת יצחק' תפלה לימות החול עמ' לח).

**ולא לידי נסיון** וואס וועט אונז שווער זיין צו ביישטיין **ולא לידי בזיון** אויב חלילה מיר וועלן נישט ביישטיין דעם נסיון און מיר וועלן געשטרויכלט ווערן אין א זינד **ואל תשלט בנו יצר הרע** נאר דו זאלסט אונז העלפן זיך אקעגן שטעלן אקעגן זיינע איינרעדענישן

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## דעם וואונדערליכן סוד פונעם לאנדאנער דאקטער

דאקטער א. איז א באקאנטער אידישער דאקטער, וואס וואוינט טאקע אין לאנדאן די הויפט שטאט פון ענגלאנד אבער זיין גוטע נאמען איז ברייט באקאנט. אין לויף פון די סאך יארן וואס ער ארבעט אין די פעלד פון רפואה, האט ער אנגעיאגט זיך אפגעבן מיט צענדליגער טויזנטער פאציענטן, און אזוי האט ער איינגעקויפט א ספעציעלע פאכמאנישקייט אין רפואה וועלט.

די טיר אין זיין קליניק הערט נישט זיך דרייען אויף איר ריגל. ד"ר א. האט זיך איינגעקויפט א נאמען פון א גרינטליכער דאקטער, אזא איינער וואס זיינע דיאגנאזע'ס זענען קלאר און שארף, און צוליב דעם קומען צו אים פאציענטן פון די גאנצע בריטישע אימפעריע, וואס ווילן באקומען א פונקטליכע דיאגנאז אויף זייערע פראבלעמען, און זיינע ווערטער ווערן אנגענומען ביי אלעמען.

אויך יעצט, אין זיין טיפן עלטער באשעפטיגט זיך נאך ד"ר א. אין זיין פעלד, מער טאקע צו געבן עצות, און ווייניגער אין באהאנדלען פיזיש די קראנקע. עס איז נישט קיין וואונדער, ווייל ד"ר א. זעט אין זיין ארבעט א שליחות. די גדולי הדור פון אמאל, אזוי ווי דער סטייפעלער גאון זצ"ל א.נ. האבן זיך פארלאזט אויף אים, אויך אין די היינטיגע צייטן רבנים פון דער גארער וועלט בעראטן זיך מיט אים אין שווערע מעדיצינישע הלכה'דיגע שאלות, וויסנדיג אז יראתו קודמת לחכמתו, און ער וועט נישט ארויסזאגן פון זיין מויל א ענטפער, בעפאר ער האט גוט איבערגעטראכט די שאלה אין חלק הרפואה און אין חלק ההלכה.

אסאך פון זיינע באקאנטע, דאקטורים און אויך נישט דאקטורים, וואונדערן זיך און פרובירן פארשטיין דער סוד פון זיין אויסערגעוועהנליכע הצלחה; וואס איז די ספעציעלע סיבה וואס דורך דעם איז ער זוכה צו ברענגען א ערהוילונג פאר אזויפיל מענטשן? אין לויף פון יארן האבן זיי פרובירט צו דערגיין זיין סוד, ביז עס איז צופעליג באקאנט געווארן, און אזוי איז די מעשה וואס האט פאסירט העכער צוואנציג יאר צוריק, אין די תקופה וואס ד"ר א. איז געווען אין זיינע העכסטע שטאפלען, און איז דערציילט געווארן דורך דער באקאנטער דאקטער פון בני ברק, הרב משולם הארט שליט"א:

דאס איז געווען ווען פאמיליע ש., אויך פון די פאציענטן פון ד"ר א., איז געפארן מיט זייער מאשין אין א שפעטע נאכט שטונדע אויף די שאסיי ארום די הויפט שטאט לאנדאן. דער פאטער הרב ש. האט געדרייוועט זיין אויטא גאנץ שטייט, ווען פלוצלינג האט ער באמערקט א מאשין וואס שטייט אין די זייטן, ווען זיין דרייווער - מיט א פרומער אויסזען - זיצט אין דעם.

"א איד געפונט זיך אין א צרה און מ'דארף אים העלפן" - האט זיך אנגערופן הרב ש. ווען ער דרייט אויס זיין מאשין צו די ריכטונג און שטעלט זיך אפ צענדליגער מעטער אפגעריקט.

הרב ש. איז ארויס פון זיין אויטא און האט ארויסגענומען די טאש וואס געווענליך נעמט ער עס מיט אין זיין אויטא. "זיכער איז דער מאשין געבליבן שטעקן צוליב א פאנטשער אין א ראד אדער א אנדערע טעכנישע פראבלעם" - האט הרב ש. געטראכט צו זיך ווען ער שלעפט דעם שווערן טאש. הרב ש. האט אסאך מאל זיך געטראפן העלפן פאר אידן וואס זענען געבליבן שטעקן אינמיטן וועג. אין לויף פון די יארן האט ער אייביג מיטגענומען מיט זיך דעם גרויסן טאש וואס אין דעם האט ער געהאט אלעס וואס עס פעלט אויס ווי א 'ערשטע הילף' צו קענען העלפן מאשינען וואס בלייבן שטעקן אינמיטן וועג. אויך יעצט - האט ער געטראכט צו זיך - רעדט זיך פון אזא פאל.

וואו גרויס איז געווען זיין איבערראשונג ווען ער האט זיך דערנענטערט צו די מאשין און האט דארט באמערקט דער אלעמען באקאנטן ד"ר א., דער דאקטער איז געזיצן אויף זיין זיץ ווען זיין קאפ איז אראפגעבויגן און זיין קערפער ווארפט זיך פון געוויין.

"וואס האט צוגעברענגט דער דאקטער זאל וויינען?" - האט הרב ש. זיך געוואונדערט, "ס'קען זיין אז ער שטייט שוין דא א לאנגע צייט?!" - האט ער פרובירט טראכטן צו זיך, און האט זיך געאיילט קלאפן אויף די פענסטער פון די מאשין.

דער דאקטער האט זיך אויפגעכאפט מיט א שרעק און האט געעפענט די פענסטער. מיט רויטע אויגן האט ער געקוקט אויפן אומגערופענעם גאסט, וואונדערט זיך ווער איז דער פרעמדער וואס האט אים געטראפן אין אזא שטילע פלאץ. עס האט אים גענומען עטליכע סקונדעס ביז ער האט אים דערקענט; "הרב ש." - האט דער דאקטער זיך אנגערופן איבערראשט, "וואס טוסטו דא אין אזא שפעטע נאכט שטונדע?" - האט ער פרובירט פארשטיין.

"איך בין זיכער געווען אז דער דאקטער איז שטעקן געבליבן מיט זיין אויטא אינמיטן וועג, האב איך געטראכט אפשר וועל איך קענען העלפן..." - האט זיך אנגערופן הרב ש. מיט א אנטשולדיגונג טאן.

"אלעס איז אין ארדענונג ברוך ה'" - האט אים דער דאקטער בארואיגט. עס האט אויסגעזען אז ער קווענקלט צי ער זאל ערקלערן פאר הרב ש. די ריכטיגע סיבה וואס צוליב דעם האט ער זיך אפגעשטעלט אין זייט, און די סיבה פארוואס זיינע אויגן זענען רויט פון וויינען.

אין ענדע האט ד"ר ש. באשלאסן יא ערקלערן:

"איך קום יעצט צוריק פון שפיטאל, וואו אהין בין איך דרינגד גערופן געווארן צו איינער פון מיינע פאציענטן, א יונגערמאן וואס האט געדארפט אריבער גיין א קאמפליצירטע באהאנדלונג. דער מענטש האט געוואלט זיך אדורך מיט מיר בעפאר די באהאנדלונג, און האט אויך געבעטן איך זאל אנוועזנד זיין און א טייל נעמען אין די באהאנדלונג.

אלץ א דאקטער קען איך זאגן אז איך האב אלעס געטון וואס איז נאר מעגליך צו העלפן דעם מענטש ער זאל אריבער די באהאנדלונג אויף דעם בעסטן וועג. צו מיין גרויסער ווייטאג איז זיין צושטאנד נאכאלץ זייער שווער, און ווייל צוליב מיין ארבעט אלס דאקטער האב איך פרובירט אלע מעגליכקייטן וואס איך האב געהאט אים צו העלפן, איז יעצט נישט איבערגעבליבן פאר מיר נאר צוטון די זאך וואס אין מיינע אויגן איז דאס די מערסטע אמת'דיגע השתדלות פאר אים - דאווענען פון טיפן הארץ און מיט טרערן פארן רופא כל בשר ער זאל אים שיקן ווי שנעלער א רפואה שלמה מן השמים בתוך שאר חולי ישראל".

"אייביג טוה איך אזוי" - האט דער דאקטער אויסגעפירט, אן צו ווייסן אז יעצט דעקט ער אויף דער סוד וואס ליגט באהאלטן אונטער זיין וואונדערליכע הצלחה.

מיטאמאל איז ארויפגעשווימען די ענטשיידונג פון די מיסטעריע וואס האט באשעפטיגט אסאך מענטשן אין לויף פון די יארן. מיטאמאל איז אנטפלעקט געווארן דער סוד פון די באזונדערע הצלחה פון דער באוואוסטער דאקטער וואס האט זוכה געווען צו זיין א גוטער שליח צו היילן אסאך אידן.

דער דאקטער האט זיך נישט געטון באגענוגן מיט זיין ברייטע מעדיצינישע וויסנשאפט צו העלפן זיינע פאציענטן. וויסנדיג אז די אמת'דיגע שליסלעך צו היילן געפינט אין דער כח התפילה, האט ער מקפיד צו דאווענען אויף יעדן איינעם פון זיינע פאציענטן, און זיין תפילה וואס ער האט געדאוונט האט צוגעברענגט זיין הצלחה.

'רופא ורפואה' עמ' פ'

עיצובים shay